**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט דריי יאר פון פארשריט אדרעסירנדיג לאנגיאריגע וואסער אינפראסטרוקטור פראבלעמען אין מאונט ווערנאן**

***פארענדיגונג פון Third Street סוּער פראיעקט איז א גרויסארטיגע דערגרייכונג אין סטעיט'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אינוועסטירונג***

***קאנסטרוקציע פארענדיגט איף מאונט ווערנאן 'געזונטע היימער' פראבע פראגראם צו פארבעסערן אינעוויייניגע סוּער וואסער אינפראסטרוקטור***

***נאך שריט אונטערוועגנס צו אדרעסירן סוּער וואסער און שטורעם וואסער פראבלעמען, אוועקנעמען בלייענע טרונקען וואסער רערן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געפייערט באדייטנדע דערגרייכונגען און אנגייענדע פארשריט אין די איינפירונג איבער עטליכע יאר פון ניו יארק סטעיט'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און שותפות מיט די סיטי אָוו מאונט ווערנאן און וועסטשעסטער קאונטי צו אדרעסירן די קאמיוניטי'ס לאנגיאריגע וואסער אינפראסטרוקטור זארגן. די סטעיט'ס צוגעאיילטע פינאנצירונג און פלאנירונג פראצעדורן האבן געהאלפן פארענדיגן קאנסטרוקציע איף די קריטיש-וויכטיגע Third Street סוּער פראיעקט און 'געזונטע היימער' (Healthy Homes) פראבע פראגראם. נאך ארבעט איז אונטערוועגנס צו פאררעכטן וואסער אינפראסטרוקטור און ערזעצן בלייענע רערן אריבער די שטאט.

"די אנגייענדע פארשריט אין מאונט ווערנאן איז א גרויסע געווינס פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און א ביישפיל פון וואס קען אלס ערריכט ווערן ווען פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונגען ארבעטן צוזאמען צו איבערקומען צענדליגע יארן פון פארנאכלעסיגונג און ארויסגעצויגענע אינוועסטירונגען", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין געוואלדיג שטאלץ מיט די היסטארישע שותפות און אגענטור צוזאמענארבעט וואס מאכן די לאנג-נויטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען מעגליך, אזוי ווי מיר ארבעטן צו האבן א זיכערערע און געזונטערע מאונט ווערנאן קאמיוניטי."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, Ken Jenkins (קען דזשענקינס), האט געזאגט,** "היינט פייערן מיר באדייטנדע פארשריט וואס ווערט געמאכט זיך צו אפגעבן מיט וואסער אינפראסטרוקטור פראבלעמען און לאנגיאריגע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט זארגן אין מאונט ווערנאן. דער Third Street סוּער פראיעקט (Third Street Sewer Project) איז א צוזאמענארבעטנדע אונטערנעמונג אריבער פילע שטאפלען פון רעגירונג וואס וועט למעשה פירן צו א מער באפעסטיגטע און געזונטערע קאמיוניטי פאר אונזערע וועסטשעסטער קאונטי איינוואוינער וועלכע וואוינען אין מאונט ווערנאן. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים אויפלעבן די פארעלטערטע און פעלערהאפטיגע וואסער אינפראסטרוקטור, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען אין ריכטונג פון דעם פראיעקט'ס פארענדיגונג."

**סיטי אָוו מאונט ווערנאן מעיאר, Shawyn Patterson-Howard (שאן פעטערסאן האווערד), האט געזאגט,** "מיר זענען טיף דאנקבאר פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און איר אדמיניסטראציע פאר זייער אנטשיידענע פארפליכטונג צו די סיטי אָוו מאונט ווערנאן. די היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג – צוזאמען מיט דעם 10 מיליאן דאלארדיגער WQIP, 3 מיליאן דאלארדיגער 'געזונטע היימער' פראבע פראגראם, 2 מיליאן דאלארדיגער בלייענע וואסער רער ערזעצונג פראגראם און 3 מיליאן דאלארדיגער גרינע אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם – שפיגלט אפ א טראנספארמאטיווע שותפות צווישן אונזער שטאט רעגירונג, וועסטשעסטער קאונטי און ניו יארק סטעיט. די אינוועסטירונגען טוישן לעבנס און ברענגען צוריק די כבוד הבריות פאר אונזערע איינוואוינער. די פארענדיגונג פון דעם Third Street סוער פראיעקט און די אנהויב פון דעם 'געזונטע היימער' פראבע פראגראם זענען שטארקע ביישפילן פון וואס מיר קענען אלס עררייכן ווען סטעיט און לאקאלע רעגירונגען ארבעטן האנט ביי האנט צו אהערשטעלן עכטע רעזולטאטן. אזוי ווי מיר זעצן פאר מיט די קריטישע ארבעט פון פאררעכטן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און פלאנירן פאר די ארומנעמיגע ערזעצונג פון בלייענע רערן, בלייבן מיר פעלזן-פעסט מיט אונזער פארפליכטונג צו בויען א געזונטערע, זיכערערע און מער באפעסטיגטע מאונט ווערנאן –– פאר די דור און די קומענדיגע."

**קאנגרעסמאן George Latimer (דזשארדזש לאטימער) האט געזאגט,** "דאס איז גאר גוטע נייעס פאר מאונט ווערנאן און וועסטשעסטער קאונטי, און איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר די אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פאר אונזער קאמיוניטי. ארבעט אויף די פראיעקטן האט זיך געקענט אנהויבן שנעלערהייט א דאנק א שעפערישע שותפות צווישן די קאונטי, שטאט און סטעיט רעגירונגען, און מיר זעהען שוין יעצט די בענעפיטן. עס קומט זיך פאר איינוואוינער צו האבן צוטריט צו זיכערע און ריינע טרונקען וואסער, און די פראיעקטן וועלן גיין א לאנגע וועג אין ריכטונג פון אנקומען צו די ציהל. איך וועל פארזעצן צו שתדל'ן פאר אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען און ענווייראמענטאלע פארבעסערונגען אין אונזערע קאמיוניטיס און צו ארבעטן מיט די גאווערנער און סטעיט בעאמטע אין מיין נייע ראלע צו אהערשטעלן רעזולטאטן פאר ניו יארק'ס 16'טע דיסטריקט."

צום ערשט אנאנסירט אין אפריל פון 2022, טוט ניו יארק סטעיט'ס 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און איר דריי-זייטיגע שותפות מיט מאונט ווערנאן און וועסטשעסטער קאונטי אדרעסירן פראבלעמען פאר די וואסער און געזונטהייט פון די פובליקום וואס האבן געפלאגט די שטאט פאר צענדליגע יארן –– דורכן איבערארבעטן פארעלטערטע און פעלערהאפטיגע וואסער אינפראסטרוקטור.

די נייע סטעיט-קאונטי-סיטי שותפות איז פאראייביגט געווארן אין א מעמאראנדאם פון פארשטאנד (Memorandum of Understanding, MOU) צו פארשנעלערן פריאריטעט פראיעקטן און שילדערן ראלעס, פליכטן, און געלטער אוועילעבל פאר דעם דורכאויס-די-סיטי פראיעקט. די MOU מאכט די דריי-זייטיגע שותפות אפיציעל, אריינרעכענענדיג וויאזוי די געלטער וועלן גענוצט ווערן פאר אינדזשענירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע ארבעט פארבינדן מיט די Third Street סוער פארבעסערונגען.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) ציטווייליגע קאמישאנער, Amanda Lefton (אמענדע לעפטאן), האט געזאגט,** "דורך גאווערנער Hochul's (האקול) פירערשאפט און צוזאמען מיט אונזערע שותפים – מאונט ווערנאן, וועסטשעסטער קאונטי און די EFC – טוט די DEC פאראויס שטופן ענווייראמענט-פריינטליכע לייזונגען צו אדרעסירן לאנגיאריגע אומגלייכקייטן און גיבן פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. די פארענדיגונג פון דעם Third Street סוער פראיעקט און אנדערע באדייטנדע פארשריט אין די קאמיוניטי זענען א סימבאל פון די סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון אלע ניו יארקער דורך אינוועסטירונגען אין שוואכערע קאמיוניטיס וועלכע ווערן צו אפט פארקוקט."

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידענט און CEO, Maureen A. Coleman (מאורין א. קאָולמאן), האט געזאגט,** "די טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס מיר פייערן היינט זענען נישט סתם א רייע פון ראנדאמאלע פאררעכטונגען. זיי זענען טייל פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס סטראטעגישע איניציאטיוו צו אדרעסירן לאנגיאריגע שטאט-ברייטע ענווייראמענטאלע פראבלעמען מיט עכטע און אנהאלטנדע לייזונגען. דאס איז גענוי וואס די EFC איז געעפנט געווארן צו טוהן — מאכן א בריק צווישן נויט און שריט דורכן צושטעלן קריטישע פינאנציעלע מיטלען, באזונדערס אין קאמיוניטיס וואס זענען היסטאריש נישט גענוג באדינט געווארן. די סטעיט'ס 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פינאנצירט נישט נאר קאנסטרוקציע — נאר עס ברענגט צוריק כבוד הבריות, פארבעסערט די קוואליטעט פון לעבן און בויט אויף די קאפאציטעט וואס מאונט ווערנאן דארף צו בליהען פאר פילע קומענדיגע דורות."

**האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "א דאנק די שותפות צווישן ניו יארק סטעיט, וועסטשעסטער קאונטי און די סיטי אָוו מאונט ווערנאן, טוהען דער Third Street סוּער פראיעקט און דער מאונט ווערנאן 'געזונטע היימער' פראבע פראגראם באשיצן היימער, העלפנדיג פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר טויזנטע איינוואוינער און פארשטערקערן די אינפראסטרוקטור פאר די גאנצע ראיאן פון די שטאט. דורך פראיעקטן פון די סארט ווייזן מיר ארויס וויאזוי גאווערנער Hochul (האקול)'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אדרעסירט די ענווייראמענטאלע אומגערעכטיגקייטן וואס האבן געפלאגט די סיטי פאר צו לאנג."

**העלט דעפּארטמענט (Department of Health, DOH) קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "דאס איז א היסטארישע עררייכונג פאר די געזונטהייט פון די פובליקום פאר די קאמיוניטי א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער Hochul (האקול) און אזוי אויך א דאנק די צוזאמענארבעט צווישן די סיטי אָוו מאונט ווערנאן, וועסטשעסטער קאונטי און אונזערע פעדעראלע שותפים. די העלט דעפּארטמענט איז פארפליכטעט צו ווייטער עלימינירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין די קאמיוניטי דורכן אידענטיפיצירן בלייענע וואסער רערן, א קריטישע טייל פון די באמיאונג זיי צו ערזעצן און פאר די אלגעמיינע געזונטהייט פון מאונט ווערנאן איינוואוינער."

**סענאט מאיאריטעט פירערין Andrea Stewart-Cousins (ענדריע סטוּארט-קאָזינס) האט געזאגט,** "מעיאר Shawn Patterson-Howard (שאן פּעטערסאן האווערד) האט געמאכט דעם Third Street סוּער פראיעקט און די 'געזונטע היימער' איניציאטיוו פאר א פריאריטעט, ערמעגליכנדיג די פארענדיגונג פון די דערגרייכונגען פאר מאונט ווערנאן. דער פראיעקט ווייזט ארויס וואס איז אלס מעגליך ווען רעגירונגען אויף אלע שטאפלען ארבעטן צוזאמען. די גאווערנער און די סטעיט לעגיסלאטור האבן פארזיכערט היסטארישע אינוועסטירונגען אין אונזער סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור, אנערקענענדיג אז ריינע וואסער איז נישט בלויז א פריווילעגיע נאר א רעכט פאר אלע ניו יארקער. דורך די 150 מיליאן דאלארדיגע שותפות, וואס רעכנט אריין די באנוץ מיט 9 מיליאן דאלאר אין געלטער פון דעם ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אקט (Clean Water Infrastructure Act), האבן מיר פארשפראכן פארלעסליכע אינפראסטרוקטור וואס וועט אדרעסירן יארן פון פארנאכלעסיגונג. היינט ערפילן מיר די פארשפרעך."

**Third Street סוּער פראיעקט**

דער Third Street פראיעקט באשטייט פון א נייע אונטערערדישע פאמפינג סטאנציע, אומגעפער 400 פיס אין די לענג פון וואסער אפלויף רערן אויף West Third Street און אן עמערדזשענסי דזשענערעיטאר. דער פראיעקט שטעלט צו פארלעסליכע סוּער וואסער סערוויס און א פארבעסערטע קוואליטעט פון לעבן פאר טויזנטע מאונט ווערנאן איינוואוינער וועלכע האבן געליטן פון צובראכענע און פון

לאנג-פארנאכלעסיגטע סוער אינפראסטרוקטור ליניעס. נאכפאלגנדיג א צוגעאײלטע פלאנירונג און דעזיין פראצעדור, וועט די פארענדיגטע ארבעט פארמינערן די סכנה פון פארפלייצונגען און איבעררינענדע סוער וואס האט פון לאנג געפלאגט די געגנט. דער פראיעקט פארזיכערט פארלעסליכע סוער וואסער סערוויס פאר דערנעבנדע איינוואוינער וועלכע זענען בעפאר די פארבעסערונגען געהאט זייער סערוויס דורך צייטווייליגע פאמפס און א פראוויזארישע סיסטעם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אין די מיטן פון Third Street. נאך אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען אריבער די שטאט זענען פלאנירט צו פאראויס גיין אין שטאפלען אין לויף פון פינף ביז זיבן יאר, גיבנדיג פריאריטעט פאר די שטאט'ס מערסט קריטישע אינפראסטרוקטורישע באדערפענישן.

**מאונט ווערנאן געזונטע היימען איניציאטיוו**
קאנסטרוקציע איז פארענדיגט געווארן אויף 24 היימער פון הויזגעזינדער מיט נידעריגע-ביז-מיטלמעסיגע איינקונפט וועלכע באטייליגן זיך אין דעם [מאונט ווערנאן 'געזונטע היימער' פראבע פראגראם](). דער 3 מיליאן דאלארדיגער פראגראם, אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט האָמס ענד קאמיוניטי רינועל'ס אפיס פון שטאנדהאפטיגע היימער און קאמיוניטיס (Office of Resilient Homes and Communities, RHC), קומט אין צוגאב צו די סטעיט'ס 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג, אינסטאלירנדיג סוער-פארבינדענע פארבעסערונגען אינעווייניג אין היימער אין געגנטער וואס האבן א הויכע סכנה פון סוער וואסער צו איבעררינען. די לעצטנס פארענדיגטע פראבע פון דעם פראגראם האט געציהלט אויף די וועלכע ווערן די מערסטע אפט באטראפן די פראפערטיס אין די געגנט וואס זענען אין די גרעסטע סכנה. עס העלפט ניו יארק אנקומען צו איר ציהל פון בויען באפעסטיגטע היימער וואס פאסן זיך צו פאר א טוישנדע קלימאט, בשעת'ן גיבן פריאריטעט פאר קאמיוניטיס וואס זענען פארנאכלעסיגט געווארן אין די פארגאנגענהייט.

פארבעסערטע היימער באקומען די פאלגנדע פארבעסערונגען:

- נייע אפאראטן וואס פארמיידן סוער וואסער פון צוריק פליסן;
- סוער וואסער אפלויף פארבעסערונגען;
- נייע וואסער פילטרירונג סיסטעמען וואס באדינען די גאנצע הויז;
- ערזעצונג פון ביז צווי וואסער-שפארנדע בית הכסא'ס;
- רייניגונג פון שמוץ און פארפעסטיגונג נאך שאדן אדער שימל פון סוער וואסער פארפלייצונגען; און
- אנדערע ארבעט צו אוועקנעמען ענווייראמענטאלע סכנות ווי בלייענע פארב אדער אסבעסטאָוס.

**אנגייענדע סיסטעם-ברייטע פאררעכטונגען**
פראיעקטן האבן זיך אנגעהויבן אויף א באלדיגן פארנעם אין 2023, נוצנדיג 5 מיליאן דאלאר פון CWIA גרענטס צו פינאנצירן 33 פראיעקטן וואס זענען געגעבן געווארן פריאריטעט, צו פאררעכטן נאענט צו 200 מיילן פון שטורעם און שמוץ וואסער סוערס. אין צוגאב, איז 10 מיליאן דאלאר פון די DEC'ס וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט (Water Quality Improvement Project, WQIP) פראגראם אינוועסטירט געווארן צו דורכפירן די ארומנעמיגע אפשאצונג, אפריינינגנדע דעזיין און די פולע פאררעכטונג פון די סוער וואסער זאמלונג רערן וועלכע לאזן אריין רויע סוער וואסער אריין אין די האטשינסאן ריווער. ביז היינט האבן 40 מייל פון סוער רייניגונג און 10 מייל פון סוער וואסער פאררעכטונגען רעדוצירט איבעררינענדע סוער אין די שטאט מיט 90 פראצענט.

די EFC האט צוגעטיילט נאך 2 מיליאן דאלאר פאר אדמיניסטראטיווע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג אינזשענירונג קאנסאָלטינג סערוויסעס צו אונטערשטיצן די ארבעט. מאונט ווערנאן און די DEC נעמען אויך אונטער אן 1 מיליאן דאלארדיגן אינפראסטרוקטור פארוואלטונג פראגראם צו מאכן דעטאלירטע ליסטעס, אפשאצן און נאכפאלגן די שטאט'ס וואסער אינפראסטרוקטור און העלפן אויפקומען מיט א פלאן צו פינאנצירן און אויפהאלטן מאונט ווערנאן'ס וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור אויף די לאנגע

טערמין. אין צוגאב, רוקט זיך א פראיעקט פאראויס צו איבערבויען א פּאמפּ סטאנציע אויף Edison Avenue.

**גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקט (Green Infrastructure Project) צו קאנטראלירן שטורעם וואסער און אויפלעבן די Fourth Street פארק**

אין צוגאב צו די סטעיט'ס 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג, האט די EFC געשאנקען פאר די שטאט א 3 מיליאן דאלארדיגע גרענט דורך דעם גרינע ערפינדערישקייט גרענט פראגראם (Green Innovation Grant Program). שעפערישע גרינע אינפראסטרוקטור שיטות, אריינרעכנענדיג וואסער זאמלונג גרובער ארומגענומען מיט פלאנצונגען, 'רעגן גערטנער' און אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער וועלן פארלייכטערן פארפלייצונגען ביי די Fourth Street פארק און פארבעסערן די וואסער קוואליטעט פון די האטשינסאן ריווער, בשעת'ן אויפלעבן און פארשענערן די קאמיוניטי'ס פארווייַלונג ארט.

**בלייענע וואסער רער ערזעצונג**

די DOH ארבעט אקטיווערהייט מיט די מאונט ווערנאן באורד פון וואסער סופליי (Mount Vernon Board of Water Supply, MVBWS) אויף זייער פראיעקט צו מאכן דעטאלירטע מאפעס פון וואו בלייענע וואסער רערן געפונען זיך. די ערשטיגע 1 מיליאן דאלארדיגע גרענט פינאנצירונג אפמאך מיט די EFC איז באשטעטיגט געווארן דורך מאונט ווערנאן אום סעפטעמבער 14, 2022, מיט נאך אן 1 מיליאן דאלארדיגע גרענט באשטעטיגט אום אויגוסט 15, 2024. די MVBWS האט אנגעהויבן זייערע באמיאונגען צו מאכן די מאפעס דורכן איבערקוקן זייער ארכיוו פון מער פון 12,500 וואסער אקאונטס. ארויס פון די אומגעפער 12,000 וואסער רערן רעקארדס וועלכע זענען איבערגעקוקט געווארן ביז היינט, דייטן אומגעפער 7,800 אן די אנוועזנהייט פון בליי. אין צוגאב צו די פולע ארכיוו איבערבליק, האט די MVBWS אנגעהויבן באמיאונגען צו הערן פון די קאמיוניטי אין אפריל 2024 מיט פאסט מיט עפנטליכע אינפארמאציע און די שאפונג פון א [בלייענע וואסער רער פראגראם וועבזייטל](), אזוי ווי קאארדינאציע מיט די פובליקום אויף די אינציאטיוו איז קריטיש פאר די לאנג-טערמיניגע הצלחה דערפון.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכנענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. מיט נאך 500 מיליאן דאלאר פארגעשלאגן פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 אנאנסירט דורך גאווערנער Hochul (האקול), וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א רעקארד-הויכע סך הכל פון 6 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור זינט 2017.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן